עש"ק פר' כי תבא תשס"ט

# דעה חכמה לנפשך

## פרשת כי תבא

אויף אידיש

שיחות קודש
פון מו"ר שליט"א

ארויס געגעבן דורך מכון
"ים החכמה"
דורך ישיבת "תורת חכם" אויפן לימוד הנגלה און הנסתר
רח' אהלי יוסף 4, ירושלים עיה"ק תובב"א

מכון **"ים החכמה"**
ת.ד. 5245 ירושלים
טל': 057-3153884 טלפקס: 02-5389584
דואר אלקטרוני: tc7@neto.bezeqint.net

# דא"ח רעוא דרעוין פרשת כי תבא תשס"ו

## וְהָיָה כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר הוי"ה אֱלֹהֶי"ךָ נֹתֵן לְךָ נַחֲלָה וִירִשְׁתָּהּ וְיָשַׁבְתָּ בָּהּ: (דברים כ"ו, א') הַשְׁקִיפָה מִמְּעוֹן קָדְשְׁךָ מִן הַשָּׁמַיִם וּבָרֵךְ אֶת עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל וגו': (שם ט"ו)

### עבודת האמונה בכל המצבים ושכרה

**א] כידוע** אז דאס ווארט אר"ץ איז מרמז אויף אמונה **(א)**, און דאס איז אונז דער פסוק מרמז אז די עבודה פון אמונה טהורה, דארף צו זיין ארייגעקריצט טיף טיף אין הארצן בבחי' דירת קבע בבחי' נחלה, דהיינו אז אין אלע מיני מצבים וואס השי"ת שטעלט צו פארן מענטש צו עליות אדער ירידות הן ברוחני' והן בגשמי', דארף מען זיך מדבק זיין אין השי"ת באמת ובתמים, אן קיין שום אייגענע אינטערעסן אדער הרגשים, נאר בלתי לה' לבדו בשלימות, און אזוי דערנאך וועט דער מענטש זיין בבחי' והיה, וואס חז"ל זאגן דאך אין והיה אלא לשון שמחה, ווייל דעמאלס איז דער מענטש זוכה צו דער אמת'ע חיים של שמחה חיים של עושר ואושר.

### אמונה שאינה עד הסוף הריהו כאילו בונה במה לעצמו וענשו גדול מאד

**משא"כ** אויב דער מענטש ווערט פארלוירן ווען ער פאלט אריין אין א ירידה, און ער קען אזוי ווייטער נישט דינען השי"ת, איז דער פשט אז ער איז נישט אינגאנצן בטל ומבוטל צו השי"ת, ווייל ער פארמאגט נאך אן אייגענע ישות, וואס דערפאר ווערט ער צוקלאפט און צובראכן אויב עס גייט איהם נישט ווי אזוי ער האט געוואלט, אזא איינער איז דומה צו דער וואס מאכט אן אייגענע במה רח"ל, וואס אויף דעם זאגט דער תורה"ק ארור האיש אשר יעשה פסל ומסכה, דהיינו אז ער מאכט פאר זיך אן אייגענע ישות, און ער איז נישט בטל ומבוטל צו השי"ת בתכלית הביטול וואס איז בבחי' מוחין, אזא איינער פאלט אריין אינעם שבירת הכלים וואס איז געווען אין

---

**(א)** ווייל די גרעסטע עבודה פון מגלה זיין מלכות שמים איז אויף אונזער וועלט וואס איז די ארץ התחתונה, און טאקע דערפאר אויך איז ארץ מרמז אויף מידת מלכות ודו"ק.

די מידות הק', וואס איז מרמז אין די י"א סממני הקטורת וואס דער תורה"ק זאגט כמתכנתה לא יעשו כמוה **(ב)**, און דעמאלס איז ער מעורר אויף זיך מקטריגים און משטינים וואס שטייען איהם אין וועג, און זיי מאכן איהם פינסטער די אור השי"ת, הן ברוחני' אין עבודת השי"ת און הן בגשמי' אז עס גייט איהם גארנישט ווי ער וויל, ווייל ער איז נישט דבוק אין השי"ת בשלימות ובאמת.

## עיקר הגאולה העתידה תלוי בעבודת האמונה בבהירות ובשלימות ובתמימות

**און** דאס דארף מען צו וויסן אז דער עיקר עבודה איז זיך צו מדבק זיין אין השי"ת בדביקות אמיתי ובפשטות, דהיינו מקיים צו זיין דעם פסוק שויתי הוי"ה לנגדי תמיד, צו זיין דבוק אין השי"ת שטענדיג יומם ולילה לא ישבותו, וכידע אז דער עיקר הגאולה איז בזכות דער עבודה פון אמונה ודביקות, ווי עס ווערט געברענגט פונעם הייליגן קאז'ניצער מגיד זי"ע, אז דער שם מ"ב איז דער שם פון גאולה **(ג)**, און דער שם נג"ד יכ"ש איז דער שם הגאולה העתידה, וואס דער עבודה דערפון איז די דביקות און דער אמונה אין השי"ת, וואס דאס איז דער צירוף השם נגד"י כ'בוד ש'מים, דהיינו זיך צו מדבק זיין שטענדיג אין השי"ת בסוד הפסוק ובו תדבק.

## וזהו מדרגת צדיק האמת, ולכן אחד מיסודי היסודות הוא להתדבק לצדיקי אמת

**און** ווי עס ווערט געברענגט פונעם הייליגן דגל מחנה אפרים זי"ע, אויפן פסוק והיו חייך תלאין לך מנגד ופחדת יומם ולילה וגו', דהיינו אז טאמער א מענטש איז זיך שטענדיג מדבק אינעם שם הוי"ה דהיינו אז ער איז זיך מבטל צום חי החיים, איז מען ממילא זוכה דורכדעם צו דער אמת'ע יראת שמים בבחי' ופחדת יומם וגו', און ווי עס ווערט געברענגט אין שו"ע אינעם ערשטן רמ"א שויתי הוי"ה לנגדי תמיד וכו' וזהו כל מעלת הצדיקים, דהיינו אז דער עיקר עבודה פונעם צדיק

---

**(ב)** כידוע אז די י"א סממני הקטורת איז בבחי' שם ו"ה [בגימ' י"א], וואס די שם ו"ה איז מרמז אויפן ז"א ונוק' דהיינו די אלע מידות הק' [י' חכמה ה' בינה ו' ז"א ה' נוקבא], וואס אין די מידות הק' איז געווען די שבירת הכלים וואס איז מרמז אויף דינים, און היפך פון קירבת ה', און דאס איז איינע פון די עבודות פונעם קטורת צו מעלה זיין די אלע שבירות, און אזוי אויך איז דאס מרמז אינעם חלבנה וואס איז געווען די לעצטע פון די סמני הקטורת, וואס בעצם האט די חלבנה משלים געווען דער סכום אויף י"א, משא"כ אן די חלבנה איז עס בלויז י' וואס איז מרמז אויפן קדושה בשלימות.

**(ג)** כידוע אז איינע פון די בחי' פונעם שם מ"ב, איז מעלה צו זיין ממטה למעלה, וואס דאס איז אויך די בחי' פון גאולה, מעלה צו זיין מגלות לגאולה, און די תפילה פון אנ"א בכ"ח איז אין דעם פארהאנען די ר"ת פונעם שם מ"ב, איז דער ערשטע שם דהיינו אב"ג ית"ץ דער סוד הגאולה פון גלות מצרים, די צווייטע שם דהיינו קר"ע שט"ן איז דער סוד הגאולה פון גלות בבל, און די דריטע שם דהיינו נג"ד יכ"ש איז דער סוד פונעם גאולה העתידה לבא בב"א.

איז די דביקות אין השי"ת און די דביקות אינעם שם הוי"ה ב"ה, און טאקע דערפאר ווערן די צדיקים האמתיים אנגערופן בבחי' פני השכינה הק', ווי מיר זעהן אין זוה"ק אויפן פסוק יראה כל זכורך את פני האדון הוי"ה מאן אנפי שכינתא דא רבי שמעון בר יוחאי, און ווי דער הייליגער ליקו"מ זי"ע איז כסדר מאריך אין דעם ענין, אז די עבודה פון זיך מדבק זיין אינעם צדיק האמת, איז איינער פון די גרעסטע עיקרים און יסודי העבודה, און ווי חז"ל זאגן (כתובות קי"א) אויפן פסוק ובו תדבק קען מען זיך דען מדבק זיין אינעם שכינה הק', נאר ענטפערט די גמרא אז איינער וואס העלפט א ת"ח אין אלע זיינע געברויכן, ער איז דבוק אין השי"ת בשלימות, און ווי דער הייליגע בעל התניא זי"ע איז מבאר אז חכם איז בבחי' חכמה וואס חכמה איז דער בחי' פון התבטלות השלימה צו השי"ת בסוד עולם האצילות, און דער תלמיד וואס איז דבוק אינעם חכם איז בבחי' עולם הבריאה ווייל ער איז דבוק אינעם חכם אזוי ווי עולם הבריאה איז דבוק אינעם עולם האצילות, אזוי אויך איינער וואס איז דבוק אינעם צדיק האמת איז ממילא דבוק אין השי"ת.

**דארף** מען אבער צו וויסן אז דער ריכטיגע חכם איז דער וואס איז דבוק אינעם חכמה דאצילות, דהיינו דער וואס איז בטל ומבוטל בתכלית האמת צו השי"ת בבחי' כ"ח מ"ה, און כנ"ל אז ער ווערט נישט געבראכן פאר קיין שום העלמה אדער הסתרה, ווייל ער איז קלאר מיט זיך אז אלעם איז בלויז השי"ת.

### בחי' ז"א ובחי' נוק' תורה תפילה

**ב] עס** ווערט געברענגט אין כתבי האר"י הק' זי"ע, כידוע אז דער ז"א איז שטענדיג דער משפיע אויפן נוק', ממילא קומט אוים אז די נוק' איז שטענדיג מקבל א קלענערע מדרגה פונעם ז"א, וויבאלד זי איז אינטער דער ז"א, דהיינו אז ווען דער ז"א איז מקבל די השפעות בבחי' נשמה איז דער נוק' מקבל די השפעות בבחי' רוח **(ד)**, און דער ענין בדרך עבודה איז, כידוע אז דער תורה"ק ווערט אנגערופן בבחי' ז"א, און תפילה ווערט אנגערופן בבחי' נוק' **(ה)**,

---

**(ד)** בקיצור ממש כידוע אז דער ז"א האט נישט קיין אייגענע שטארקע מוחין כדי זיך צו קענען מייחד זיין מיטן נוק', ממילא איז ער מקבל די מוחין פון אבא אימא וכו', און כידוע אז די ה' פרצופים זענען אקעגן די ה' חלקי הנשמה, דהיינו נוק'–נפש, ז"א–רוח, בינה–נשמה, חכמה–חיה, כתר–יחידה, ממילא קומט אוים אז דער ז"א ווען ער באקומט זיינע השפעות פון בינה [וואס בדרך כלל אינמיטן וואך איז דער ז"א יונק נאר פון בינה ואכהמ"ל], קומט אוים אז ער איז זוכה צו א שטיקל נשמה, און ער איז משפיע אויפן נוק' א קלענערע בחי' דהיינו בחי' רוח, ודו"ק.

**(ה)** ווייל דער תורה הק' איז בבחי' תפארת [עם תליתאי ירחי תליתאי וכו'] בחי' יעקב אבינו איש תם יושב אהלים בסוד הפסוק תתן אמת ליעקב, און תפילה איז בבחי' מלכות, ווייל תפילה איז דער ענין אז עס פעהלט אונז און אונז האבן גארנישט קיין אייגנס, נאר מיר בעטן זיך ביי השי"ת השפעות טובות, בבחי' מלכות דלית ליה מגרמיה כלום בבחי' דלה ועניה, וואס דאס איז דער סוד

און מיר זעהן שטענדיג אז ביי דער עבודה פון התמדת התורה הק׳, קען דער מענטש אסאך מעהר שעות לערנען ברציפות, אבער משא״כ תפילה וואס איז אן עבודה שבלב, איז אסאך שווערער זיך צו מדבק זיין בדביקות ברציפות, און דערפאר איז די בחי׳ פון תורה א העכערע בחי׳ פון תפילה.

**סדר השתלשלות היחוד בין ז״א ונוק׳ אחור באחור, תרדימה, נסירה, שרייבט** דער הייליגע אר״י זי״ע, כידוע אז דער ז״א איז מקבל די מוחין פון בינה דהיינו אימא, און אין בינה אליינס איז אויך פארהאן צד ימין ושמאל דהיינו ישראל סבא [צד ימין] און תבונה [צד שמאל], וואס דאס איז די בחי׳ פון חכמה דבינה [צד ימין] און בינה דבינה [צד שמאל], וואס חכמה דבינה ווערט אנגערופן ו״ק דמ״ה און בינה דבינה ווערט אנגערופן ו״ק דב״ן (ו), און דערנאך איז דער ז״א משפיע אויפן נוקבא די השפעות וואס געהערן צו איהר [דהיינו ו״ק דב״ן], און דאס איז אלעם צום ערשט בדרך אחוריים, אבער ווען דער ז״א שטייט אחור באחור מיטן נוקבא (ז), דעמאלס כדי זיי זאלן זיך קענען מייחד זיין פנים בפנים מוז זיין די בחי׳ פון נסירה, דהיינו אז מען שניידט אפ דער ז״א פונעם נוק׳ און דערנאך איז מען זיי מייחד פנים בפנים, און בשעת די נסירה דארף מען איינשלעפן דעם ז״א וואס דאס איז דער בחי׳ פונעם דורמיטא [תרדימה], און ממילא גייען ארויס אלע מוחין פונעם ז״א וויבאלד ער איז אין א תרדימה, און די מוחין בלייבן העכערן קאפ פונעם ז״א, אבער וויבאלד עס איז נישט שייך קיין מציאות אז דער גאנצע קומה פון די מידות זאל בלייבן אן קיין שום מוחין און חיות, ממילא איז דער אימא דהיינו בינה משפיע די חלק פון ו״ק דב״ן דהיינו בינה דבינה גלייך אויפן נוק׳, און דאס איז אן דער אמצעי פונעם ז״א, אבער מען קען דאס לייכט דערהערן הגם

---

הפסוק ״ואני תפילה״ וכידוע אז אני איז בחי׳ מלכות ישות [וואס די וועלט איז מרמז אויפן ישות וכנ״ל].

**(ו)** כידוע אז דער סדר פון די צירופי הוי״ה הק׳ איז ע״ב [צד ימין] ס״ג [צד שמאל] דאס זענען די מוחין, מ״ה [צד ימין] ב״ן [צד שמאל], דאס זענען די בחי׳ פון די מידות הק׳, און אזוי אויך איז די עצם השפעה וואס דער ז״א איז מקבל פונעם אימא, צוטיילט אין צוויי דהיינו פונעם צד הימין של בינה [ישראל סבא] און פונעם צד השמאל של בינה [תבונה], [כידוע אז די אלע פרצופים האט יעדע פאר זיך א קומה שלימה פאר זיך דהיינו אז חכמה האט אין זיך אלע ספי׳ פרטי׳ און אזוי אויך בינה], ממילא ווערן די השפעות אנגערופן ו״ק דמ״ה וו״ק דב״ן ודו״ק.

**(ז)** דהיינו אז זיי זענען נישט פנים בפנים וואס דעמאלס קענען זיי זיך נישט מייחד זיין, און די עבודה חזר׳ט זיך איבער יעדן טאג בפרטות און יעדע יאהר ראש השנה בכללות, נאר כמובן מיט עטליכע חילוקים [כדוע׳ אז ר״ה איז דער בחי׳ פון דורמיטא פארהאן אויפן ז״א מיטן נוק׳ און יעדן טאג איז עס נאר אויפן ז״א], ואכהמ״ל.

די נוק' איז בדרך כלל נישט מקבל פון בינה, וויבאלד פארט זענעןביידע סיי בינה און סיי מלכות די בחי' פון צד השמאלי, און די חלק פון ו"ק דב"ן באקומט זי אויך פונעם ז"א בשעת'ן יחוד, אבער שרייבט ווייטער דער הייליגע אר"י ז"ע, אז אויפן נוקבא ווערט אויך נשפע דער אונטערשטע חלק פונעם ו"ק דמ"ה דהיינו חכמה דבינה, וואס דער אונטערשטע חלק ווערט אנגערופן בבחי' שם הוי"ה בריבוע דהיינו י' י"ה יה"ו יהו"ה בסוד ריבוי הוי"ה, וואס בדרך כלל איז דורך די אור זענען זיך דער ז"א מחבר מיטן נוק' אפי' אין א צייט וואס זיי זענען אחור באחור, ממילא קומט אוים אז די נוק' באקומט א שטיקל פון די עצמי' הנשמה דהיינו בינה, וואס די חלק הנשמה איז כלפי די נוק' בחי' חיה, וויבאלד די נוק' באקומט געוועגליך נישט פונעם בינה אליינס נאר דורכן ז"א (ח).

## בחי' הוי"ה דריבוע בסוד שיר דלעתיד לבא לגלות אור האלוקי בכל המצבים

**ג] דער** ענין פונעם שם הוי"ה בריבוע וואס דאס איז דער בחי' פון ריבוי הוי"ה, וואס איז בשורש ו"ק דמ"ה דהיינו די אונטערשטע חלק פונעם ו"ק דמ"ה בחי' חכמה דבינה, ווערט געברענגט אין זוה"ק אז דאס איז בבחי' דער שיר וואס מען גייט זינגען לעתיד לבא ווען ומלאה הארץ דעה את הוי"ה, וואס דער שיר ווערט אנגערופן שיר פשוט כפול ומשולש, וואס דער עבודה דערפון איז מגלה צו זיין דעם אור האלוקות און די בהירות האמונה אין יעדע קלייניקייט, און אדרבה ווי מעהר עס איז באהאלטן פון אונז די אור האלוקי מיט הסתרות און העלמות, דארף מען זיך מעהר און מעהר מתגבר זיין מיט די עבודה פון מגלה זיין כבוד שמים בבחי' נגד"י כ'בוד ש'מים, און די גאנצע אמונה דארף צו זיין מתוך ששון ושמחה, און אזוי מיט די עבודה טוהט ער מגלה זיין דעם אור האלוקי אין די טיפסטע און אין די נידריגסטע מקומות, און דאס איז דער בחי' פון י' י"ה יה"ו וכו' דהיינו אז אפי' ער פאלט אדורך איינמאהל כאפט ער זיך צירוק און ער איז זיך מחזק, און ממילא איז ער זוכה צו א גרעסערע אור בבחי' י"ה, און שפעטער פאלט ער נאכאמהל אראפ און ער איז זיך מחזק, איז ער זוכה צו נאך א גרעסערע אור בבחי' יה"ו וכו'.

---

**(ח)** דארף מען אבער מבאר זיין אז בדרך כלל זענען די השפעות וואס קומען אראפ אויפן ז"א, וואס ווערן נשפע דורכן דעת, איז דער דעת כולל אין זיך חסדים וגבורות, חסדים דדעת ווערן נשפע פונעם צד הימין דהיינו די בחי' חכמה דבינה בסוד ישראל סבא און דאס הייסט ו"ק דמ"ה, און די גבורות דדעת ווערן נשפע פון צד השמאל דהיינו בחי' בינה דבינה בסוד תבונה און דאס הייסט ו"ק דב"ן, און דער ז"א איז אלעם מקבל נאר די חלק הגבורות איז ער משפיע אויפן נוק' וואס איז בבחי' דין, אבער ווען עס איז א זמן פון נסירה, באקומט די נוק' די חלק השמאלי גלייך פון די מוחין [וואס הגם די השפעה קומט דורכן דעת, איז דער דעת נאר דער ממשיך ההשפעה, אבער דער עיקר קומט עס פון בינה וואס איז דער אונטערשטע בחי' פון מוחין], און פון דער חלק הימיני באקומט זי דער חלק העצמי' פון איהם וואס דאס איז בבחי' שם

### גדול העובד השי"ת בהתחזקות הרבה יותר מהעובד השי"ת בלי ירידות

**און** ווי דער הייליגע תורת חכם זי"ע איז מבאר די חז"ל (תו"כ פר' בחוקותי) אינו דומה מרובין העושים את התורה ממועטין העושים את התורה, דהיינו כדוג' ווען א מענטש קומט אריין אין ביהמ"ד און זעהט ווי א מנין אידן זאגן אמן יהא שמיה רבא וגו', און ווען א מענטש קומט אריין אין ביהמ"ד און זעהט טויזנט אידן זאגן אמן יהא שמיה רבא וגו', איז עס דאך ממש נישט גלייך די קידוש השם פון איינער ביזן צווייטן, אזוי אויך ווען איינער איז אן עובד השי"ת מיט א דרך פון ישר דהיינו אן קיין בילבולים און העלמות, איז עס זייער חשוב אין הימל, אבער ווען איינער איז אן עובד השי"ת מיט העלמות און הסתרות און בילבולים, און יעדע מאהל איז ער זיך מחזק און איז מגלה די אור פונעם מלכות שמים אין אלע העלמות און הסתרות, אזא איינער איז אסאך מעהר מרבה כבוד שמים באופן ריבוי שם הוי"ה, וויבאלד אין יעדן עקסטרע פירוד און הסתרה איז ער נאכאמאהל מגלה די אור האלוקות, און טאקע דערפאר ווערט די עולם האצילות אנגערופן בבחי' אות י' פונעם שם הוי"ה, און עולם הבריאה י"ה, און עולם היצירה יה"ו, און עולם העשיה יהו"ה (וכמובא בכוונות הרש"ש על הפסוק בידך אפקיד רוחי), ווייל וויבאלד אינעם עולם העשיה איז פארהאן גאהר אסאך נפילות ירידות, און איינער וואס איז זיך מחזק און ער דערשרעקט זיך נישט פון די אלע העלמות, נאר אדרבה ער איז מגלה די אלוקות אין יעדע נפילה, אזא איינער איז אסאך מעהר מגלה די שם הוי"ה ווי דער וואס איז בבחי' עולם האצילות.

### גודל המדרגה של עליית הניצוה"ק וקירוב הגאולה תלוי בהתחזקות מנפילות וירידות קשות מאד

**און** אדרבה טאקע נאר אזוי קען מען מעלה זיין די שווערסטע נידריגסטע חלקים פון די רפ"ח ניצוה"ק, וואס דאס איז אונזער גאנצע תפקיד אויף די וועלט, און אזא עובד השי"ת איז מורא'דיג מקרב די ביאת הגואל שיבוא במהרה בימינו, ווייל ער באלייכטערט די נידריגסטע מקומות, מיט דעם וואס ער איז זיך מחזק און איז מגלה אז עס איז פארהאן א באשעפער אויפן וועלט וואס איז דער ברא ויצר ועשה הכל היה הוה ויהיה עילה כל העילות וסיבת כל הסיבות, און אפי' אין די גרעסטע נפילה און ירידה קען מען און מען דארף זיך מחזק זיין פונעם שאול תחתית ביז די העכסטע עולמות, און אזוי

הוי"ה בריבוע [וואס דער שם הוי"ה בריבוע איז בחי' ו"ק דמ"ה וואס איז דער צד החסדים וואס דאס באלאנגט בעצם צו דער עצמי' הז"א ווייל ער איז דאך דער צד החסד], וואס הגם עס איז נישט שייך אז די נוק' זאל באקומען די חלק החסדים דדעת וויבאלד זי איז דאך בבחי' דין, איז דער ביאור הענין אז בשעת די נסירה ווערן אלעביידע צדדים בבחי' דין, נאר די ו"ק דמ"ה דהיינו די צד הימין ווערט בבחי' מוחין אויפן ו"ק דב"ו דהיינו די צד השמאל.

קומט מען צו צום שיר דלעתיד לבא, וואס דעמאלס וועט דאך זיין ומלאה הארץ דעה את הוי"ה מיטן גרעסטן מאס התגלות אן קיין שום הסתר פנים, און אפי' אין די נידריגסטע מקומות וועט נתגלה ווערן אז אחד יחיד ומיוחד אדון הכל היה הוה ויהיה, און דאס איז פשט אז אינעם עולם העשיה ווערט מרומז די גאנצע שם הוי"ה, ווייל דייקא אינעם גרעסטן העלמה און הסתרה ווערט נתגלה בכח ובפנימי' די גרעסטע אופן פון דביקות אין השי"ת.

## עיקר הדרך לזו העבודה הוא ע"י בחי' חכמה ביטול הגמור

**און** דער עיקר העבודה פונעם גילוי האלוקות אין יעדן מקום אפי' אין די טיפסטע מקומות, קומט דורכדעם וואס דער מענטש הארוועט אויף זיך, זיך צו מבטל זיין בהתבטלות גמורה פארן בורא ית"ש, וואס דאס איז בסוד חכמה דבינה וואס איז בבחי' משיח בן יוסף **(ט)**, וואס חכמה איז דער בחי' פון ביטול כ"ח מ"ה ונחנו מ"ה, און אז מען איז זוכה צו די ריכטיגע התבטלות גמורה און מען איז בבחי' לית ליה מגרמיה כלום, מען איז נאר דבוק אין חי החיים בסוד והיו חייך תלאים לך מנגד, אזא איינער לעבט דאך שטענדיג מיטן געדאנק פון מה אנו מה חיינו, עס קומט זיך דאך גארנישט מיט נישט פאר אונז, נאר אלעס איז בלויז חסד ה' ווייל מדרך הטוב להיטיב, און דער גאנצע בריאה איז איין שטיק חסד האלוקות בהתגלות ממש, ממילא קומט מען צו צום הכרה אז אפי' די אלע ירדות און נפילות הסתרות און העלמות איז אויך איין שטיק מדרך הטוב להיטיב בהתגלות ממש, ווייל כלפי השי"ת איז דאך נישט קיין שום נפק"מ צווישן טוב און וואס עס זעהט אויס פאר אונז רע, ווייל אינעם עלמא דקשוט זעהט מען דאך די גאנצע ווארהייט, אז אלעס איז נאר בלויז אלוקות און גאט'ליכקייט ממש בשלימות.

## ועי"ז יכולים לגלות אור האלוקי גם בבחי' נסירה ותרדימה ולזכות לאורות גדולים

**און** אז מען האלט שוין אין די מדרגה איז מען זוכה אז אפי' מען איז בבחי' אחור באחור, און נאכמעהר מען איז בבחי' נסירה דהיינו אינגאנצן אפגעשניטן, און נאכמעהר מען איז בבחי' תרדימה און דורמיטא דהיינו מען איז אינגאנצן פארשלאפן בבחי' אחד משישים ממיתה, עכ"ז דייקא דעמאלס קען מען מגלה זיין אינעם מלכות דהיינו אינעם נידריגסטן בחי' עשיה שבעשיה אין די שווערסטע חלקים פון די רפ"ח ניצוה"ק, קען מען

---

**(ט)** דהיינו כנ"ל אז די ריבוע פונעם שם הוי"ה דאס איז די אונטערשטע חלק פון ו"ק דמ"ה חכמה דבינה כנ"ל, וואס דאס איז בעצם די פנימי' החיות פונעם ז"א.

דהיינו כידוע אז דער עיקר און די שורש הז"א איז דער יסוד בחי' משיח בן יוסף וואס ז"א איז בבחי' חסדים כלפי מלכות, און ממילא איז דאס מקושר מיט חכמה וואס חכמה איז אויפן צד הימין בחי' חסדים, ודו"ק.

מגלה זיין די מוחין עילאין ו"ק דמ"ה בחי' חכמה דבינה, און די ריבוע פונעם שם הוי"ה ב"ה שיר דלעתיד לבא בסוד ומלאה הארץ דעה את הוי"ה, וואס דאס איז אויך דער בחי' וואס שטייט ביי מרדכי הצדיק ע"ה ווי דער פסוק זאגט ומרדכי לא יכרע ולא ישתחוה, און ווי חז"ל דרש'ענען (מגילה י"א.) אז ער האט אפגעלייקנט אין אלע ע"ז שבעולם, דהיינו אז ער האט זיך מבטל געווען צו השי"ת און ער האט מגלה געווען די אור האלוקות אין יעדן מצב אפי' אין די נידריגסטע מצבים פון נפילות וירידות בבחי' עובד עבודה זרה רח"ל, האט מרדכי הצדיק מגלה געווען און מזכך געווען די לופט מיט אור האלוקותו ית"ש (י), און דאס זעהן מיר אויך ביי א תלמיד כלפי זיין רבי, וואס חז"ל זאגן (ע"ז ה.) לא קאי איניש אדעתיה דרביה עד ארבעין שנה, דהיינו אז בדרך כלל איז א תלמיד בבחי' עולם הבריאה כלפי זיין רבי וואס איז בסוד חכם בבחי' עולם האצילות, און ווען דער מענטש גייט אדורך א בחי' פון הסתרה כלפי זיין רבי און ער שטארקט זיך איז ער זוכה צו א מורא'דיגע התגלות און ער ווערט אין די בחי' פון זיין רבי אליינם **(יא)**.

## עבודת יום י"ז אלול, ועבודת ס' יום לפני י"ז אלול

ד] **און** בפרט מיר האלטן יעצט סוף די ס' טעג וואס הייבן זיך אן פון י"ז תמוז ביז י"ז אלול, וואס די טעג זענען טעג פון הסתרה העלמה בבחי' אחור באחור ותרדימה ונסירה, און ווי עס שטייט פונעם הייליגן אר"י זי"ע אז פון י"ז אלול הייבט זיך שוין אן די פנימי' פונעם קומענדיגן יאהר, און די ס' טעג זענען אקעגן די ס' אותי' פון די פסוקי ברכת כהנים, און בפרט די יאהר וואס מיר ענדיגן די זעקסטע יאהר פון די זעכציגע יאהרן {תשס"ו}, [און בפרט די יאהר ווָאס מיר ענדיגן יעצט די גאנצע צענדליג יאהר פון ס' און מיר גייען אריין בעז"ה אין תש"ע], וואס ס' איז בבחי' יוסף הצדיק די זעקסטע מידה וואס איז מרמז אויף חכמה דבינה בחי' ו"ק דמ"ה, און אין די ס' יום איז פארהאן געוויסע גזירות און הסתרות אויף כלל ישראל, און הגם בדרך כלל איז מען ממתיק די דינים מיטן עבודת התפילה, איז עס אבער נישט גענוג ווייל תפילה עושה מחצה, וואס דאס איז בבחי' לאה וואס איז בעצם נאר א האלבע פרצוף פונעם נוקבא, וואס לאה איז מרמז אויף תפילה בסוד ועיני לאה רכות, דארף מען

---

**(י)** און ווי מיר זעהן ביי יוסף הצדיק יסוד עולם בחי' משיח בן יוסף, אז דאס איז געווען זיין גאנצע עבודה מגלה זיין אלוקות אין אלע שווערסטע מצבים און ירידות און נפילות בסוד ויפוזו זרועי ידיו, ווי חז"ל זאגן אז ביים יום הדין טוהט מען פרעגן דעם רשע כלום תקיף יצרך כמו יוסף הצדיק, און אדרבה טאקע דערפאר איז דייקא ער בבחי' צדיק יסוד עולם ווייל ער האט אויפגעשאקלט אין די טיפסטע יסודות פונעם עולם, מיט התחזקות און מגלה זיין אלוקות אפי' אין די ערות הארץ טמאת ארץ מצרים, ודו"ק.

**(יא)** דער סוד פון ארבעים שנה קען מען מבאר זיין ווייל בן ארבעים לבינה, וואס בינה איז צד השמאל בחי' גבורות, וואס דאס איז מרמז אויף הסתרה און העלמה, און אויב ער איז זיך מחזק און ער האלט זיך אן אין זיין רבי איז ער זוכה צו א גרויסע התגלות.

אבער זיך מעלה זיין אויך מיטן בחי' רחל, וואס רחל איז בבחי' חכמה דהיינו כנ"ל צו באלייכטן אלע נידריגע טיפע מקומות מיטן אור האלוקות, און אזוי קען מען זוכה זיין צו די גאנצע ישועה בשלימות.

## כשהאדם נשלם בבחי' תפילה ובבחי' ביטול הגמור זוכים ליחוד פנים בפנים ולידה חדשה

**און** ווען דער מענטש איז שוין שלם מיטביידע בחי' דהיינו מיטן כח התפילה בבחי' לאה און מיטן כח החכמה בחי' רחל, דעמאלס האט שוין די מלכות איהר גאנצע קומה, ממילא קען זיך שוין די מלכות מייחד זיין מיטן ז"א פנים בפנים, און דאס איז וואס דער הייליגע אר"י זי"ע שרייבט אז די ו"ק דמ"ה זענען די כלי הלידה, דהיינו אז דייקא אזוי באקומט די נוק' די כח פון צו זיין שוה קומה בקומה מיטן ז"א, און דערנאך ממשיך זיין השפעות טובות פאר כלל ישראל.

## השקיפה ממעון קדשך עשינו מה שגזרת עלינו וכו'

**און** ווי הרה"ק רבי יצחק אייזיק'ל מזידיטשוב זי"ע טייטשט אינעם פסוק השקיפה ממעון קדשך מן השמים וגו', און ווי רש"י הק' איז מפרש עשינו מה שגזרת עלינו עשה אתה מה שעליך לעשות שאמרת אם בחוקותי תלכו ונתתי גשמיכם וגו', דהיינו אז טאמער א איד איז זיך מחזק אז אפי' ער געפינט זיך אין א מצב פון גזירה דהיינו בבחי' נסירה והשכות, עכ"ז דינט ער השי"ת מיטן גאנצע שטארקייט, ער איז זוכה ממתיק צו זיין אלע דינים און הסתרות, און דעמאלס איז מען זוכה צו שפע טובה ברכה בסוד ונתתי גשמיכם בעיתם וגו' מיט אלע ברכות.

## עבודת האמירה של מלכיות זכרונות ושופרות וכוונת התפילה זכרנו לחיים וגו'

**ה] און** דאס איז דער עיקר עבודה פון מלכיות זכרונות שופרות, דהיינו מגלה צו זיין מלכות שמים אין אלע מקומות הבריאה אפי' אין די נידריגסטע מקומות, און דאס איז דורכדעם וואס מען איז מעלה אויפן זכרון גדלות הבורא ית"ש, בבחי' חכמה העליונה בסוד משיח בן יוסף, און דורכדעם איז מען זוכה צו דער אמת'ע המתקת הדינים בסוד שופר עלה אלהי"ם בתרועה הוי"ה בקול שופר, און דאס איז אונזער עיקר תפילה פון די עשרת ימי תשובה וואס קרוב הוי"ה לכל קוראיו, זכרנו לחיים מלך חפץ בחיים וגו', דהיינו אז מיטן כח החכמה כח הזיכרון זאלן מיר זוכה זיין צו דער אמת'ע חיים, דהיינו בבחי' מלך חפץ בחיים נכלל צו ווערן אינגאנצן אין השי"ת בסוד ו"ק דמ"ה וואס גייט אריין אינעם מלכות בבחי' חכמה דבינה הוי"ה דריבוע.

## דעה חכמה לנפשך והיא כתר לראשך

**און** דאס איז פשט **דעה חכמה לנפשך** דהיינו אז מען דארף צו זעהן אז אפי' אין די שווערסטע מצבים, זיך צו

מחזק זיין און מגלה זיין די אלוקות אפי' אין די נידריגסטע מדרגות, דהיינו ממשיך צו זיין די דעת דחסדים ו"ק דמ"ה אינעם נפש בחי' מלכות דהיינו אין די נוקבא, און אדרבה למפרע דארף מען אנקוקן יעדע שווערע זמן מיט עיני שכל און נישט מיט עיני בשר, און צו זעהן אז די אלע שווערע מצבים האט השי"ת געשיקט נאר כדי זיך צו אויפהייבן העכער און העכער, און דאס איז געווען די שטענדיגע עבודה פון אלע צדיקי אמת, צו מגלה זיין די אור השכינה הק' אין יעדע מצב און זמן, און דורכדעם וועט מען זוכה זיין צו **והיא כתר לראשך** דהיינו אז מען איז זוכה ממשיך צו זיין די אמת'ע בחי' פון הוי"ה דריבוע דהיינו די שיר דלעתיד לבא, ווען עס וועט שוין זיין ומלאה הארץ דעה את הוי"ה און עס וועט נתגלה ווערן די כתר העליון בבחי' אריך אנפין מיט רחמים גדולים עד אין קץ.

**זאל** השי"ת אונז העלפן מיר זאלן זיך צוגרייטן צו די הייליגע ימים הנוראים הבעל"ט ווי עס באדארף צו זיין, מיטן אמת'ע דביקות אינעם חי החיים בבחי' זכרנו לחיים מלך חפץ בחיים, מיטן אמת'ע יראת שמים בסוד והיו חייך תלאים לך מנגד, און דורכדעם וועלן מיר זוכה זיין צו דער אמת'ע בנין ירושלים וואס ירושלים איז נוט' ירא-שלם, בסוד הפסוק שויתי הוי"ה לנגדי תמיד שטענדיג ממש אפי' אין די גרעסטע הסתרה און העלמה, און ממילא וועלן מיר זוכה זיין צו ועינינו תראינה מלכותך ועין בעין יראו בשוב הוי"ה ציון בביאת גואל צדק ברחמים במהרה בימינו ממש אמן.